בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ל"ד

פרשת ויצא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

• וִויפִיל דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער?!

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס אִיז מֶער הֵיילִיג וִוי זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין; דָאס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסְדוֹת זֶענֶען זִיךְ מִתְנַדֵּב צוּ קוּמֶען טוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן דָא אִין דִי מוֹסְדוֹת, וֶוען זֵיי וָואלְטְן אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן אִין דִי בִּיזְנֶעס וֶועלְט וָואלְטְן אַלֶע גֶעקֶענְט פַארְדִינֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ נֶעם נִישְׁט אָן צוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסְדוֹת קַיין 'לֹא לָנוּ'ס מִיט קַיין 'לֹא יוּצְלָחְ'ס', אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער וָואס טוֹיגְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נֶעמְט מֶען אוֹיף צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶע סְטֶעף.

אֲפִילוּ מֶען צָאלְט עֶנְק גֶעהַאלְט, אִיז דָאס פָּשׁוּט כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי מֶען פַארְדִינְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אַז מֶען רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל דָאס לֶעבְּן קָאסְט שְׁטִימֶען נִישְׁט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, מֶען פַארְדִינְט נִישְׁט גֶענוּג אוֹיף צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹדֶשׁ'לִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דֶער לֶענְדְלָארְד, גְרָאסֶערִי, וַואסֶער אוּן אוֹיל, אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז טַאקֶע נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט פֶּען אוּן פַּאפִּיר, וַוייל לוֹיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט, עֶס אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט פֶּען אוּן פַּאפִּיר, נָאר מֶען בַּאצָאלְט פַאר וֶועם מֶען דַארְף בַּאצָאלְן גֶעלְט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גֶענוּג אוֹיף אַלֶעס.

### אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג!

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין אַ שְׁטְרֶענְגֶער מְלַמֵּד, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין אַ שְׁטְרֶענְגֶע לֶערֶערִין; בַּאלְד וֶועט מֶען זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער בֶּעטְן.

אִיךְ בִּין יֶעדֶע נַאכְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אִינְדֶערְהֵיים, אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן שְׁלָאפְן צֶעקְרִיגְט מִיט מִיר, אוּן צוּפְרִי זֶענֶען זֵיי מַיינֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים...

אִיךְ וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אִיךְ קוּם בַּאזוּכְן מַיין זוּן אוּן מֶען פְרֶעגְט מַיין קְלֵיינֶער אֵיינִיקְל פוּן צְוֵויי יָאר: **"וָואס וֵויסְטוּ פוּן זֵיידִי?"** זָאגְט עֶר: **"זֵיידִי זָאגְט: 'אַרַיין אִין בֶּעט!'"** אִיךְ פְרֶעג אִים אִיבֶּער מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"זֵיידִי זָאגְט אַרַיין אִין בֶּעט?!"** עֶנְטְפֶערְט עֶר: **"נֵיין, אָן אַ שְׁמֵייכְל"**, עֶר מַאכְט עֶס נָאךְ וִוי אִיךְ קוּק אַרָאפּ שְׁטְרֶענְגֶערְהֵייט אוּן אִיךְ זָאג: **"אַרַיין אִין בֶּעט!"** - אִיךְ וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם, צוּם סוֹף וֶועט עֶר נָאךְ וֶוערְן מַיין חַבֶר.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּזְן פָאלְגְן! בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ צֶעבְּרֶעךְ נִישְׁט קַיין הֶענְגֶערְס אוֹיף זֵיי, אָבֶּער אִיךְ בִּין שְׁטְרֶענְג, אִיךְ זָאג זֵיי: **"יֶעצְט דַארְף מֶען אַרַיין גֵיין אִין בֶּעט!" "יֶעצְט דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן!"** אִיךְ בְּלַייבּ שְׁטֵיין בַּיים טִיר וִוילַאנְג מֶען מַאכְט צוּ דִי אוֹיגְן, אַמָאל גֶעבּ אִיךְ אוֹיךְ שְׁטְרֶענְגֶערְהֵייט אַ גְלֶעט, אִיךְ זָאג: **"יֶעצְט זֶע אִיךְ שׁוֹין וִוי דוּ בִּיסְט שׁוֹין זֵייעֶר וואוֹיל, דוּ מַאכְסְט צוּ דַיינֶע אוֹיגְן"**, אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ אַז צוּפְרִי גֵייט קֵיינֶער נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן צוּ מִיר, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וֶועלְן שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר, אָבֶּער צוּפְרִי זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער וִויל זַיין מַיין חַבֶר.

אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען טָאר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז מֶען הֶערְט וִוי אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין רֶבִּי"**, **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ מַיין טִיטְשֶׁער"**, דֶער עִיקָר אִיז אַז דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן דִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אַז דוּ וֶועסְט זֵיי לִיבּ הָאבְּן אַזוֹי וִוי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי צוּם סוֹף דִיךְ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן.

### מֶען גֵייט סַיי וִוי 'יָא' גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה...

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהַאט אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא וִוילְיַאמְסְבּוּרְג וָואס הָאט יֶעדְן טָאג גֶעקוֹיפְט אִין דִי וֶוענְדִינְג מַאשִׁין דְזְשָׁאמְבָּאוֹ קָאקִיס, בְּרַאוּנִי בַּארְס מִיט קֶענְדִיס, דִי קִינְדֶער הָאבְּן מוֹרָא'דִיג לִיבּ גֶעהַאט דִי לֶערֶערִין, אָבֶּער נִישְׁט דָאס - אַז מֶען קוֹיפְט זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער - הֵייסְט אַ גוּטֶע לֶערֶערִין! אוּן אַז מֶען קוֹיפְט שׁוֹין יָא עֶפֶּעס פַאר דִי

# המשך שיעורים אין חינוך

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּעְרְטִי יע"א

• וִויפִיל דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער?!

קִינְדֶער דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת.

מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זָאל דַאוֶוענֶען הוֹיךְ, אֲפִילוּ מִיט אַ פַּאפִּיר קְלִיפּ וְכַדוֹמֶה. אוֹיךְ פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען מַאכְט מִמֵּילָא, וִוי אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פְּרָאגְרַאם אָדֶער דֶער טְרִיפּ וָואס מֶען מַאכְט אֵיין מָאל אַ יָאר - קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן אוֹיף אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי כִּתָּה, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"וֶוער עֶס גֵייט דַאוֶוענֶען שֵׁיין, וֶוער עֶס גֵייט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט קֶענֶען מִיט קוּמֶען צוּם טְרִיפּ, וֶועט קֶענֶען זַיין בַּיים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פְּרָאגְרַאם"**.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֵיצָה פַאר עֶלְטֶערְן; מַיין שְׁוָואגֶער מַאכְט דִי וָואךְ חֲתוּנָה, אַז דִי חֲתוּנָה אִיז דָא אִין שְׁטָאט נֶעם אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, נִישְׁט דִי קְלֵיינֶע אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע נֶעם אִיךְ מִיט, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ גֵיי סֵיי וִוי טוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן נִיץ אִיךְ דָאס שׁוֹין פוּן צְוֵויי וָואכְן פַארְדֶעם, אִיךְ זָאג: **"וֶוער עֶס פָּאלְגְט גֵייט קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה"**, **"וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט גֵייט קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה"**, אִיךְ זָאג נִישְׁט: **"וֶוער עֶס פָּאלְגְט נִישְׁט, גֵייט נִישְׁט צוּ דִי חֲתוּנָה"**... מֶען גֵייט סֵיי וִוי יָא גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס דָאךְ אוֹיסְנִיצְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַ חֵשֶׁק אִין דִי קִינְדֶער צוּ פָּאלְגְן פוּן צְוֵויי וָואכְן פַארְדֶעם, אַנְשְׁטָאט זֵיי אָנְצוּשְׁטָאפְּן מִיט קֶענְדִיס.

וִוי מֶער מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער, מַאכְט עֶס נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶס מַאכְט נָאר אַז מֶען זָאל צוּם סוֹף שְׁטוֹיסְן אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען זָאל מֶער גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דִי וֶועלְט וֶוערְט אוֹיס.

מֶען זֶעט דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גֶעסְפּוֹילְטֶע (גֶעצֶערְטֶלְטֶע) שְׁטִיבֶּער, זֵיי בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג נֵייעֶ קְלֵיידֶער, נֵייעֶ שְׁפִּילְצֵייג, דִי טֵייעֶרְסְטֶע דַאלִי'ס, דִי טֵייעֶרְסְטֶע קֶערִידְזְשֶׁעס, - אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

## אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שְׁפִּילְצֵייג אִין סְקוּל

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן מַיין וַוייבּ, אִיךְ פְרֶעג אִיר וָואס טוּט זִיךְ? וָואס הֶערְט זִיךְ? וָואס מַאכְט מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע טָאכְטֶער, דֶערְצֵיילְט מִיר מַיין וַוייבּ אַז אֵיינֶער אַ נַדְבָן אִין דִי קְהִילָה הָאט גֶעגֶעבְּן דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער אַיינְצוּקוֹיפְן דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס פַאר דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְג'עֶ שׁוּלֶע, אִיז מַיין טָאכְטֶער צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ לֶערֶערִינְס גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין וַוייבּ זָאל אָנְרוּפְן מַיין טָאכְטֶער אוּן שְׁנוּר אוּן זָאגְן זֵיי זָאלְן שׁוֹין צוּרִיק טְרָאגְן דִי דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס, אִיךְ בִּין זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם, דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דַאלִיס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס? פַאר וֶועם? פַאר דִי פָּאר מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אִין דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְגֶע סְקוּל?! פַארְוָואס? פַאר וֶוען? אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַאלִיס אוּן דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן קֶענֶען זִיצְן אִין דִי זַייט נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער?!

נִישְׁט דָאס אִיז אַ גוּטֶע שׁוּלֶע אוֹיבּ מֶען הָאט דִי בֶּעסְטֶע שְׁפִּילְצֵייג, דִי טֵייעֶרְסְטֶע שְׁפִּילְצֵייג, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שְׁפִּילְצֵייג אִין סְקוּל, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין דַאלִיס, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קֶערִידְזְשֶׁעס, אִיךְ דַארְף אַ לֶערֶערִין וָואס הָאט אַ הַארְץ פַאר דִי קִינְדֶער, אִיךְ וִויל אַז דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן זַיין דִי דַאלִיס פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ... מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעקְלֶעךְ פוּן סָאדֶע בָּאטְלֶעךְ, מִיט דֶעם זָאלְן דִי לֶערֶערִינְס שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער!

**הֶמְשֵׁךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וֶוען נֶעמְט מֶען אַרוֹיס קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָן בִּיטוּל תּוֹרָה?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, צוּ גֵיין אוֹיף רוּחָנִיוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פָאר אִיךְ קַיין צָפוֹן צוּ גֵיין מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, אָדֶער צוּמָאל צוּ אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער צוּ נֶעמֶען חִיזוּק, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר, סְפֶּעצִיעֶל מַיין 51 יֶערִיגֶער בָּחוּר.

יֶעדֶעס מָאל בִּין אִיךְ זֵייעֶר מְסוּפָּק וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵייס אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה, זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וָואס אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָם", אִיךְ פִיל זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ זָאל זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִיזוּק אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען זִיךְ נָאךְ מֶער שְׁטַארְקְן אִין לֶערְנֶען.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט שְׁטְרֶענְגֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ אִין דִי צַייט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סֵדֶר הַלִימוּד אִין יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דִי מֵיידְלֶעךְ הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפֶעלְן אַ סֵדֶר אִין שׁוּלֶע. אִיךְ וֵייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אִין דֶעם עִנְיָן, וָואס בַּארֶעכְטִיגְט דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קִינְד פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, אוּן וָואס נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת צַדִיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵל בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד.

גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מִתְפַּלֵל זַיין אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה;

פַּארְקֶערְט, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען. בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְן זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.

מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה – פְלֶעגְט מִיר נֶעמֶען אַלְס קִינְד צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. עֶר פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ מִיטְגֵיין מִיט אִים קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן דָארְט אַרוּם פָארְן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִין צְפַת אוּן אִין טְבֶרְיָה.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן מִיט אִים קַיין פּוֹילְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּ אַלֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן אִין פּוֹילְן. אוֹיךְ קַיין אוּקְרֵיינָא; עֶר הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן אוֹיף מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין זֵיידֶע הָאט נִישְׁט מְבַטֵּל גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִינוּט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן כְּסֵדֶר צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

קֶענְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען צַייטְן וָואס עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט פֶעלְן פוּן חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 062 - פרשת שלח (באר"י קרח

תשפ"ב)

## זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אִין גֶעוִויסֶע פְלֶעצֶער טוּט מֶען זִיךְ אוֹיף אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזַא שְׁטוּפֶּענִישׁ, מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁטָא דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶּענִישׁ, אָבֶער עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

זַייעֶנְדִיג אַ מְלַמֵּד גֵייעֶן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען "שָׁרָשִׁים וְשִׁימוּשִׁים", דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צוּ צֶעטֵיילְן דִי וֶוערְטֶער אִין חֲלָקִים לוֹיט דִי שׁוֹרֶשׁ, אוּן דֶערְנָאךְ דִי שִׁמּוּשִׁים בֶּעפָאר אוּן דֶערְנָאךְ. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא וָואס קְרִיגְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם מְהַלֵּךְ אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין אוֹיפְכַאפְּן לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּנְקְט וִוי עֶר כַאפְּט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶוערְט נָאר צֶעמִישְׁט פוּן לֶערְנֶען דִי שָׁרָשִׁים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייעֶנְדִיג אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער דַארְף אִיךְ דָאס מְמַלֵּא טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וָוארְט אַרַיינְצוּרֶעדְן אִין דֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם כֹּחוֹת אוּן לֵייגְן אַ דָגוּשׁ דֶערוֹיף, אָדֶער עֶס טוּן מֶער וִוי אַ טֶעכְנִישֶׁע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ נֵייגֶערִיג אוֹיבּ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז דָא דֶער סָארְט לִימּוּד מִיט דִי קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר לֶערְנֶען דִי אַלְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם נֵייעֶ זַאכְן.

דוּ לֵייג אַ דָגוּשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר וואוֹיל – נָאר אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְדָא בֵּיהּ כּוֹלָּא בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט דַּעַת דֶער הָאט אַלֶעס, "דְלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַּעַת – הָאט גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דַּעַת? אֱמוּנָה; דֶער וָואס וֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּן אִים – דָאס אִיז דַּעַת; אוֹיבּ הָאט מֶען דִי פִּינְטֶעלֶע דַּעַת – הָאט מֶען שׁוֹין סַיי וִוי אַלֶעס.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאל דָאס זַיין דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל: אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַרַיינְפְּלֶעגְלֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אַרַיינְבְּרָאקְן אִין זֵיי לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט; דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר זֵיי, אָבֶער אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אֵיין צִיל: זֵיי זָאלְן וִויסְן עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

אַז מֶען הֵייסְט דִיר לֶערְנֶען שָׁרָשִׁים וְכוּ' – זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עִיקָר. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וִויל לֶערְנֶען דִקְדּוּק מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אִיבְּרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "בִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִּקְדּוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִקְדּוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל", דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִקְדּוּק, וַוייל עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 852 - פרשת נשא בהעלותך באר"י

תשפ"ב)

## זָאל אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין חֵדֶר קִינְדֶער פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֶעצְטֶע וָואךְ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְרוּמֶער אִיד, אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר וִויל אַרַיינְלֵייגְן זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי קוּקְן אוֹיס וואוֹילֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואסֶערֶע חִינוּךְ זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פַאר זֵיי זֶענֶען אַהֶער גֶעקוּמֶען, זָאל אִיךְ זֵיי אַרַיין נֶעמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ זַיי אַריינְנֶעמֶען; וָואס זֶענֶען מִיר בֶּעסֶער וִוי זַיי? הֲלְוַאי זָאלְן מִיר אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זַיין בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה.

די אַלֶע וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן נֶעמֶען נִישְׁט אַריין קֵיין קִינְדֶער פוּן אַזֶעלְכֶע מִשְׁפָּחוֹת, נָאר פוּן אַזֶעלְכֶע סָארְט מִשְׁפָּחוֹת – די זֶענֶען עָתִיד לִיתֵּן אֶת הַדִּין, זַיי וֶועלְן דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ אִין די גַאסְן, אַזוֹי וִוי יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא קְלָאגְט (אֵיכָה ד, א-ב): "תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז".

אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(קונטרס עצתו אמונה 822 - פרשת וירא תשפ"ב)

## מֶעג אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בְּשָׁעַת די קִינְדֶער דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אִין קְלַאס בְּשָׁעַת וֶוען די קִינְדֶער דַאוֶונֶען, אָדֶער דַארְף אִיךְ הַאלְטְן אַ וָואכְזַאם אוֹיג אוֹיף די קִינְדֶער די גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְוַוייל אַריינְקוּקְן אִין אַ סֵפֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ אַרְבֶּעט, זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ב): "וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה – אֲפִילוּ מֶען דַארְף זַיי הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִיבֶּער די הֲלָכָה נָאכְאַמָאל (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, הֲלָכָה יב): "וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לְבִנְיָן", מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן די קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זַיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז צְוַויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, דֶער רַמְבַּ"ם לֶערְנְט אוּנְז צְוַויי דִינִים, אֵיינְס אַז קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן טָארְן זִיךְ נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין פַאר גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, צְווייטְנְס וִוי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, די הֲלָכָה אִיז אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה.

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן די קִינְדֶער אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אִין כִּתָּה אוּן די קִינְדֶער דַאוֶונֶען אָדֶער חַזֶר'ן וָואס זַיי לֶערְנֶען – מֶעג דֶער מְלַמֵּד לֶערְנֶען אָדֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 803 - פרשת דברים תשפ"ג)

## אַז די עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אִיז גוּט פַאר די קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.**

עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט אוּן לֵייגְן נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ – אַזוֹי גֵייעֶן די קִינְדֶער זִיךְ פִירְן; אַז די עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ – דֶעמָאלְט אִיז גוּט פַאר די קִינְדֶער, אוּן אַז די עֶלְטֶערְן וַויינֶען אוּן רֶעדְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ – וֶועלְן די קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין אַזוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פ, א): "כְּאִמָּה כְּבִתָּהּ", אַזוֹי וִוי די מַאמֶע פִירְט זִיךְ – אַזוֹי פִירְן זִיךְ די טֶעכְטֶער; אַז די מַאמֶע אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע – וֶועלְן די קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיכֶע.

דָאס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע זֵייעֶר וִויכְטִיג די מוֹסָדוֹת וָואס אִיר הָאט פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער דָא, אָבֶּער אוֹיבּ אִיר זֶענְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ דָא – אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ יָא צוּרִיקְגֵיין וְכוּ'. ווייל דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע; אַז די מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן – אִיז גוּט פַאר די קִינְדֶער, אוּן אַז נִישְׁט – אִיז נִישְׁט גוּט.

אוֹיבּ קֶענְט אִיר בַּאוַוייזְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דָא – אִיז גוּט, אוּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ – אִיז עֶנְדֶערְשׁ אִיר זָאלְט צוּרִיקְגֵיין אוּן דָארְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 182 - פרשת מקץ תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876